**גוט שבת אלע אידן.** עס איז דא א איד וואס וואוינט היינט אין לאס אנדזשעלעס וואס הייסט שלום יעקב לעווין (זיין עכטע נאמען). ער דערציילט אז בערך א יאר צוריק איז ער געווען אין לאנדאן אויף א באזוך ווען ער האט געטראפן אן אינטערעסאנטען איד. ר׳ שלום יעקב איז געגאנגען אויפן גאס אין איינע פון די אידישע געגענטען אין לאנדאן ווייל ער האט געזוכט א מנין צו דאווענען מנחה. פלוצלונג האט ער באמערקט א מיטעלעלטער איד גייענדיג אויפן גאס האלטענדיג דעם האנט פון א קינד. ר׳ שלום יעקב האט געקוקט אויפן קינד און ער האט געמיינט אז ער קען אים פון ערגעץ, אבער פון וואו האט ער נישט פונקטליך געדענקט. יענער איד וואס איז געגאנגען אויפן גאס מיטן קינד הייסט ר׳ הערשל גאלדוואטער (זיין עכטע נאמען). ר׳ הערשל האט ר׳ שלום יעקב צוגעפירט צום שול. נאכן דאווענען האבן די צוויי גענומען שמועסן אביסל.

ר׳ הערשל האט דערציילט אז ער האט נאר אפאר חדשים פריער חתנה געהאט, און דאס קינד איז געווען זיין אידענע׳ס קינד. ער האט חתונה געהאט מיט אן אלמנה וואס האט געהאט צוויי קינדער. שפעטער איז ר׳ שלום יעקב געוואר געווארן ווער די אלמנה איז.

ר׳ הערשל האט איינגעלאדענט ר׳ שלום יעקב צו עסן שבת ביי אים אינדערהיים. ר׳ שלום האט שטארק באדאנקט ר׳ הערשל אבער ער האט אים געזאגט אז עס איז לכאורה נישט שייך ווייל ר׳ שלום יעקב איז געווען אין לאנדאן מיט זיין בני בית און קינדער וואס זענען געווען אכט נפשות. ר׳ הערשל האט געזאגט אז עס מאכט נישט אויס. אבער ר׳ שלום יעקב האט אים געזאגט אז ער זאל זיכער פרעגן אינדערהיים, ווייל ר׳ הערשל האט נאר יעצט חתונה געהאט, ווי אזוי וועט ער קענען אריינברענגען אין שטוב אזא גרויסע עולם? ״ניין ניין ניין,״ האט ר׳ הערשל געזאגט, ״זייט אונזער חתונה פסח צייט האבן מיר נישט געהאט קיין געסט, מיר חלשען צו האבן געסט!״

ווען ר׳ שלום יעקב איז געקומען מיט זיין משפחה צו ר׳ הערשל׳ס הויז פרייטאג צונאכטס צו די סעודה, זענען זיי איבעראשט געווארן אז זיי קענען ר׳ הערשל׳ס אידענע. ר׳ שלום יעקב׳ס בני בית האט מקרב געווען יענע פרוי. זי איז געקומען פון א שטאט לעבן לאס אנדזשעלעס. ווען זי איז געווען אן אלמנה, האבן זיי איר איינגעלאדענט צו קומען צו זיי אויף שבתים מיט איר צוויי קליינע קינדער. הפלא ופלא, די זעלבע מענטש וואס האט נהנה געווען פון שלום יעקב׳ס הכנסת אורחים האט יעצט געקענט צוריקבאצאלן דעם חסד. די השגחה פרטית איז געווען מוראדיג. ״שלח לחמך על פני המים כי ברב הימים תמצאנו!״ יעצט האט ר׳ שלום יעקב געוואוסט פון וואו ער האט געקענט דעם יונגעל וואס ר׳ הערשל האט געהאלטן זיין האנט אויפן וועג קיין מנחה.

נאך מער אינטערעסאנט איז געווען די הפלאדיגע מעשה וואס ר׳ הערשל האט אליינס דערציילט ווי אזוי ער איז געווארן א בעל תשובה. ר׳ הערשל איז אויפגעוואקסן א פרייער איד אין אמעריקע. בערך פונף און דרייסיג יאר צוריק איז ר׳ הערשל געגרופן געווארן צום מיליטער. ר׳ הערשל איז נאך נישט געווען פרום, און פארשטייט זיך ער האט נישט געהייסן ״הערשל,״ לכאורה האט ער געהייסן ״הערי.״ דעמאלט האט אמעריקע געקריגט קעגען די קאמוניסטען אין וויעטנאם לעבן טשיינע. בקיצור, הערי האט געדינט אין א ספעציעלע חלק פונעם מיליטער וואו ער האט אפילו עוסק געווען אין שפיאונען אויף רוסלאנד. נאך פיר יאר, האט הערי געדארפט ווערן אויסגעלייזט פונעם מיליטער, אבער דער פרעסידענט דעמאלט האט געהייסן אז יעדער סאלדאט אפילו ער האט געדינט די יארן וואס ער האט געדארפט, האט געמוזט בלייבן נאך איין יאר אין מיליטער. ווען הערי׳ס מאמע האט געהערט דערפון האט זי געשיקט א בריוו צום פרעסידענט. די כח פון א אידישע מאמע האט געפועלט אז איר זון הערי זאל קענען שוין דעמאלט פארלאזן דעם מיליטער.

הערי האט זיך געפרייט צו ענדיגען זיינע צייט אין ארמיי. דעמאלט אין די וועלט איז געבלאזן א שטארקע ווינט פון אפיקורסות און דעות זרות. ליידער איז הערי אריינגעכאפט געווארן אין ״מאקראבייאטיקס״, וואס איז איינע פון די דעות זרות וואס האט אנגעהויבן דעמאלט. איין טאג איז געקומען קיין אמעריקע פון דעם לאנד דזשאפאן דער הויפט פראפעסאר וואס איז ארויסגעקומען מיט יענע דעה. הערי איז געגאנגען הערן וואס דער פראפעסאר האט געהאט צו זאגן. הערי איז ערשטוינט געווארן צו הערן ווי דער פראפעסאר האט גערעדט קעגן אידן. הערי האט קיינמאל נישט געהערט אזא אנטיסעמיטישע ווערטער, און אלעס פון א ״געלערנטע״ מענטש!

נאך דער פארדארבענער פראפעסאר האט געענדיגט רעדן, איז הערי אריבערגעגאנגען צו אים. ער האט געפרעגט דעם פראפעסאר אויב ער האט אפילו אמאל געטראפן א איד. און דער פראפעסאר האט געענפערט ״ניין.״ ״ווי אזוי דעמאלט האסטו אזוי שטארק פיינט אידן?״ האט הערי אים געפרעגט. ״ווייל, אידן האלטן די שליסלעך פאר רוחניות אין די וועלט.״ ווייבאלד דער פראפעסאר׳ס שיטה איז עכט כפירה, האט ער קעגענגעשטעלט אידישקייט.

הערי איז ב״ה אוועקגעגאנגען פון יענע דעות זרות און ער האט אנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן אין אידישקייט, ווייל דער פראפעסאר אליינס האט געזאגט אז אידן האלטן די שליסלעך צו רוחניות. ער איז אנגעקומען צו ״770״ (ליובאוויטש) און ער איז דורך דעם נענטער געקומען צום אידישקייט.

איין שבת א שטיק צייט נאכדעם, איז ער געקומען קיין מאנסי אויף א שבת. פרייטאג צונאכטס האט ער געדאווענט אין א גרויסע שטיבל. צי עס איז געווען אין מיטן ״לכה דודי״ אדער נאכן דאווענען, האט מען געמאכט א ריקוד און זיי האבן געזינגען און געטאנצען. פלוצלינג האט איינער א רב גענומען הערי און געטאנצט מיט אים אליינס. הערי דערציילט אז יענער איד האט אים אנגעכאפט מיט א שטארקע פעסטקייט וואס ער האט קיינמאל נישט אין זיין לעבן געשפירט... און הערי איז אמאל געווען א שטארקע סאלדאט! די צוויי האבן געטאנצען אפאר מינוט. די שמחה איז געווען אזוי שטארק אז אין די רגע האט הערי מחליט געווען אז ער וויל ווערן פרום! אויף דעם קען מען זאגן דרך דרש, ״ולשמחה מה זה עשה״ – וואס קען מען נאר אויפטון מיט משמח זיין יענעם!

עס שטייט איין פסוק אין די וואכעדיגע סדרה ״הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב״ מיר זענען דער אייבערשטער׳ס באליבטען פאלק און מיר ווערן נישט באטראכט אזוי ווי די גוים. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט די וואך. מיט לייגען אזעלכע מעשיות קענען מיר אלע נתחזק ווערן אין פרייליך זיין צו זיין דעם עם סגולה. גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב למוה״ר יודא הירש געלבמאן הי״ו לרגל שמחת אירוסי בנו יעקב יוסף ני״ו
לע״נ ר׳ פייוועל בן ר׳ אפרים ע״ה
נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י
לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**